STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04911

HUNDERT LIEDER

Hannah Wurtzel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הונדערט לידער

— פון —

האנע וואורצעל

1927

דעם געאכטעטן פובליציסט
און ליטעראטור קריטיקער
חבר ק. מרמר.
פון האנע װורצעל

Copyright, 1927

By HANNAH WURTZEL

קלמן מרמור

אינהאלט:

1. אין א שטילער שעה
2. מיין שיקזאל
3. מיין בעטעל
4. נאכט-ליד
5. מיין לאכען
6. אין פארצווייפלונג
7. דער כוס
8. די פארוועלקטע
9. איך ווארט
10. איבעראשונג
11. אין דערווארטונג
12. שטומע ליידען
13. געבענשט זאל זיין
14. ניט וועקט מיך
15. מינוטען
16. אין צווייפעל
17. איהר וואונש
18. מיין ליעבסטע
19. פארלוירענע ליעבע
20. מיין גליק
21. וואס וויל די וועלט
22. אפגענארט
23. צוויי אלטע לייט
24. דער בייזער צופאל
25. אויף א חתונה
26. די גבור׳טע
27. א חלום
28. א רפואה
29. מיין טאטענס קידוש
30. אלץ הייסט געלעבט
31. אין א נויט
32. מאמע און קינד
33. ווי מען שפילט אזוי טאנצט מען
34. א וויעג-ליעד
35. זיין שליחות
36. די ליידענדע
37. נעקראלאג—חיים מאליץ
38. די פארשעמטע
39. דער דימענט
40. יונג און אלט
41. פרייד אין צווייען
42. מיין געבעט
43. שרעק
44. אויף א באנקעט
45. איהר חרטה
46. מען בעט אויף זיך די על-טער
47. אלטע פריינט
48. צוריסענע בלעטער
49. א פאנטאזיע
50. דער זיפץ
51. איהר גליק
52. אין געיעג
53. זייט ניט מקנא
54. דאס לעבען איז קורץ
55. אליין
56. שלעכטע צייטען
57. ווען זי ווארט
58. שלום בית
59. ניט געזאגט
60. פריינדשאפט
61. חוה׳ס ירשה
62. צו גאסט
63. דער קארגער
64. אלץ דאס זעלבע
65. א געשלעג אין גאס
66. א דזשענטעלמאן

67. קורצע האָר
68. אין קאונטרי
69. ביעור פּסח
70. אַ תּרוץ
71. דער שומר
72. דער קרוב
73. אַ שווערע לאַגע
74. גאָט פאַרלאָזט זי ניט
75. אַן ערינערונג
76. די פאַרליבטע
77. אַ יונגער קרבן
78. וואו ביזטו אהינגעקומען
79. איך באַדויער
80. אויף געיעג
81. איך פרעג ניט קיין שאלות
82. מיין ליבעס
83. מיין געליבטע
84. מיינע צוויי משרתים
85. מיין וועכטער
86. דער בעל סוד
87. איך צווישען זיי
88. די אומשולדיגע
89. דער געשטראָפטער
90. מיט'ן קאָפּ אראָפּ
91. גרויער קאָפּ
92. דער מערדער
93. אַ הספּד
94. מיין פריינד
95. דער אמת זאָגער
96. די באַקליידטע
97. מיינע שכנים
98. מיין צווילינג
99. געפאַנגענע
100. אַ גאָטס רחמנות.

לירישע לידער

קלמן מרמר, ניו יארק

אין אַ שטילער שעה

עס ציהט מיך אימער צו שרייבען,
פון אלץ, וואָס איך ווער נאָר באַזועלט;
עס ווילט זיך ניט טרוקען פאַרבלייבען,
עס ווילט זיך וואָס זיין אויף דער וועלט.

כאָטש יעדערער לאַכט זיך גאָר אויס
און מאַכט דערפון חוזק און שפּאַס:
„שלאָג דיר פון קאָפּ דאָס אַרויס,
ווייל ס׳קען דיר נאָך ברענגען משוגעת“.

אָבער איך קאָן אָן דעם ניט פאַרגעסען,
עס ברענט שוין אין מיר אַזאַ גייסט;
ווי דעם, וואָס ליידט הונגער — צום עסען,
אַזוי ציהט מיין הארץ און עס רייסט.

איך בין אין געדאַנקען געפלויגען
און נאָך ניט געטראָפען אין ציעל;
אַ ליכט זוכען אַלץ מיינע אויגען,
מיין האַרץ בענקט נאָך אַלץ אין דער שטיל.

מיין שיקזאַל

איך זוך די הויכע שטראַלען —
איך קען זיי ניט דערגרייכען;
אַז איך וועל ווידער פאַלען —
דאָס האָב איך שוין אַ צייכען.

דו קענסט דיר ווי הויך פליהען,
דאָך האָט דאָס ניט קיין ווערט;
אומזיסט איז דיין באַמיהען —
קיין גוטס איז דיר באַשערט.

דו מעגסט זיך ווי נאָר צאַפלען —
דו ריהרסט זיך ניט פון אָרט.
אויף די נידעריגע שטאַפלען —
אַט דאָרטען איז דיין אָרט.

שרייב איך מיינע לידער —
טרייסט איך זיך אַליין;
איך בין פאַרלוירען, ברידער —
עס דריקט מיך צום געוויין.

מיין בעטעל.

מיין בעטעל, דו, מיין בעטעלע,
דו ביזט מיר אַ געטרייע;
ווען איך רוה זיך אָפּ אויף דיר —
פיהל איך ווי אַ נייע.

ביינאַכט, ווען אַלע אין מיין הויז
די אויגען זייערע שליסען,
פיעלע הייסע טרערען אָפּט
פארליר איך אין דיין קישען.

ווי אַ דאָקטאָר העלפסטו מיר
די וואונדען מיינע היילען;
אַלעם, אַלעם טרוי איך דיר —
ווערסט קיינעם ניט דערציילען...

נאַכט-ליד

וואו איז מיין זיסער שלאָף
פון מיר די נאַכט פאַרשוואונדען?
איך זעה פאַר זיך שאָטענס —
כאָטש ליכט איז אָנגעצונדען.

דאַכט זיך אַלץ איז שטיל;
די וועלט איצט חלומ׳ט בלויז —
דאָך טיף ביי מיר אין האַרצען
קאָכט נאָר און עס ברויזט.

עס ברענט דאָרטען אַ פייער
אַזש ס׳געהט אַ שוואַרצער רויך —
טאָ זאָל זיך איבערקאָכען —
עס מוז דאָך ווערען וויי־ך...

מיין לאַכען

צו לאַך איך גאָר פון לויטער פרייד? —
אָ ניין, דאָס קענסטו ניט הערען;
מיין געלעכטער איז טרויער, לייד,
איך לאַך ווען עס פעלען מיר טרערען.

יאָ, מיין לאַכען איז — געוויין!
ווען ס׳בלוט מיינס זודיק גליהט;
איך לאַך פון זיך אַליין —
נאָר קיינער ווייסט עס ניט...

אין פאַרצווייפלונג

דאָס האַרץ איז איבערגעפילט,
עס קומען געציילטע טרערען
אין זיך איינגעשטילט,
אַז קיין פויגעל זאָל ניט הערען.

ווען ס׳זאָל זיך ווער דערוויסען
— מיין פאַרבאָרגענע לייד
דאָס וואָלט מיין טרערען קוואַל אויפגעריסען
און אפשר וואָלט דאָס געבראַכט פרייד.

דאָס האַרץ וואָלט געוואָרען באַפרייט
און מעהר ניט געוועזען פאַרשטעלט —
צו וועט נאָך די צייט אַמאָל קומען
ס׳זאָל וויסען דעם אמת די וועלט?...

דער כוס

איך נעם דעם כוס אין האַנט אַריין,
דער ביטערער טראָפּען ווערט מיר זיס;
איך פיהל זיך באַפרייט פון לייד און פּיין,
עס הויבען זיך אַזש די פיס.

דאָס גלעזעלע משקה האָט אַ כח,
סיי ביי רייכקייט, סיי ביי דלות;
מען איז זיך דערמיט משמח —
עס מאַכט פאַרגעסען אַלעס.

און דער קאָפּ ווערט פאַרדרעהט —
איך וואַרף זיך הין און הער;
ווען בראַנפען גיט מיר פרייד —
צו וואָס זיך זאָרגען מעהר?

אַמאָל האָב איך געטרונקען פון פרייד,
געטאַנצט, ס'איז געגאַנגען אַ רויך!
היינט טרינק איך נאָר פון לייד
און טאַנצען — טאַנץ איך אויך...

די פאַרוועלקטע

אויף אַ פרעמדען פּלאַץ
אַ בלום האָט ווער פאַרפלאַנצט;
זי האָט זעלטען ווען געבליהט
און קיינמאָל ניט געגלאַנצט.

די בלעטער אָפּגעקראָכען,
שימעלדיג און גרוי;
איהר ווארעמט ניט די זון —
זי ווערט ניט פייכט פון טוי.

דערצו איז זי פון דערנער
אַרומגערינגעלט נאָך;
איך וויל זי צו זיך נעמען —
און קריג גאָר באַלד אַ שטאָך.

פון אַ גרויסען ווייטאָג
דאָס האַרץ ווערט מיר פאַרקלעמט,
און איך קער אַוועק זיך
באַליידיגט און פאַרשעמט.

איך וואַרט

איך בין געוואָרען קראַנק —
דאָך קיינער, וואָס זאָל מיט מיר פיהלען.
האָט אַ מאָדנער געדאַנק
גענומען אין מיר שפּילען:

ניטאָ קיין פריינט אין לעבען
עס פעהלט אַ מענש מיט האַרץ;
אומזיסט איז אַלץ מיין שטרעבען,
מיין וועלט איז אַלץ נאָר שוואַרץ.

מיין יוגענט איז פאַרוויסט
אין עלענד און אין אומעט;
קיין האָפנונג זעה איך נישט
וואו איך קוק זיך אומעט.

איך וואַרט בלויז אויף מיין עלטער,
אויפ'ן גוטען מאָמענט,
וואָס קיינעם ניט פאַרפעהלט ער —
און מאַכט פון אַלץ אַן ענד...

איבערראַשונג

וואָס זעהען מיינע אויגען?
נאָך וועמען כ'האָט געגאַרט,
געזוכט אַ לעבען לאַנג —
און ענדליך זיך דערוואַרט.

איך האָב נאָך דיר געבענקט
מיט הייליגען באַגעהר,
מיין אומעט אָפט געשטיקט
מיט אַ געהיימען טרער.

און איצטער איז מיין צייט,
איך זעה דיך ווען איך וויל —
דאָך איז נאָך פול מיט דערנער
דער וועג צו אונזער ציל.

נאָר וואָס עס זאָל ניט קומען
אין שפּעטערדיגע יאָהרען,
ווייס איך — דו וועסט בלייבען
אייביג אין מיין זכרון.

אין דערוואַרטונג

צו האָבען אַ חבר אין לעבען,
דאָס מיינט פאַר א מענשען אַ סך;
אַ פריינט וואָס זאָל זיין איבערגעבען,
און גלויבען איהם אויך יעדע זאַך.

דאָס אָבער איז שווער צו געפינען,
איך האָב נאָך אַזאַ ניט געטראָפען!
דאָך ליגט עס נאָך טיף אין מיין זינען
און איך וויל נאָך וואַרטען און האָפען,

אַז דורך אַ שטורעם און קראַכען
וועט ער צו מיר קומען אומגעריכט,
און גליקליך וועט ער מיך נאָך מאַכען
ווייל פיהלען וועט ער אַזאַ פליכט.

און טראָגט ער אפילו פאַרבאָרגען
אַ ליעבע, אַ חלום אַ זיסען —
דאַן שטראָף מיך ניט דו ליבער גאָט,
אַז איך זאָל דערפון זיך דערוויסען...

שטומע ליידען

געליעבט — און געשעמט זיך צו זאָגען,
די צייט איז זיך טרוקען אוועק;
אין זיך דאָס אלץ איבערגעטראָגען,
געבענקט דורך גאַנצענע טעג.

געפעהלט מוט ארויסצורייִדען,
געבליבען אָהן לשון ווי שטום;
צו שווער איז געווען זיך צו שיידען
פון אַט אַזאַ בליהענדע בלום.

מיין האַרץ איז אין מיר שיער צעשפּרונגען;
צו קושען זי האָב איך געגלוסט;
ווי אַ פייגעלע האָט זי געזונגען —
און האָט דערפון גאָר ניט געוואוסט...

געבענשט זאָל זיין...

געבענשט זאָל זיין די שעה
ווען איך האָב דיך דערקענט;
ווי קען איך דען פאַרגעסען
דעם גליקליכען מאָמענט?

ווען ס'האָבען דיינע ווערטער
באַרוישט מיך, ווי געזאַנג,
און איך האָב אין מיין האַרצען
דערפיהלט דעם זיסען קלאַנג.

איך האָב געוואָלט דיר טרויען:
מיר טאָרען זיך ניט שיידען!
אַ נעסט וויל איך איצט בויען
פאַר אונז נאָר, פאַר אונז ביידען.

און זאָל דאָרט אונזער ליעבע
אין ביידענס הערצער גליהען
און ווי פאַרליבטע טויבען
מיר וועלען העכער פליהען...

ניט וועקט מיך

ניט וועקט מיך פון מיין חלום,
צעשטערט מיר ניט מיין גליק —
איך חלום פון אַ ליעבסטען
שוין יאָהרען לאַנג צוריק.

און כאָטש עס איז מיין חלום
נאָך ניט געוואָרען וואָר,
דאָך וויל איך ער זאָל בלייבען
אויף לאַנגע לאַנגע יאָהר.

דערוועקט ניט מיינע וואונדען
און לאָזט מיך גאַנץ אליין;
איך האָב אַ זיסען חלום —
אוי לאָזט איהם ניט פאַרגעהן.

מינוטען

אהיים דיך אָפּגעפירט,
גענואָלט האָב איך אלץ פרעגען;
פאַר זיסקייט ניט געשפּירט
ווי ס'טריפט א ווארעמער רעגען.

ווערטער וואָס דו האָסט גערעדט —
אין הארץ ביי מיר פאַרשריבען;
עס איז געוועזען גאָר שוין שפּעט
ווען כ'בין אליין פארבליבען.

ווי מינוטען זענען די שטונדען
פאַרלאָפען צו געשווינד;
ווען דו ווערסט פון מיר פארשוואונדען —
פיהל איך גלייך ווי בלינד.

עס געהט מיך שוין ניט אָן דאַן קיינער,
איך פיהל מיר עפּעס פעהלט,
ווייל דו נאָר ביזט מיין ליבסטער איינער —
אָהן דיר איז טרויעריג מיין וועלט.

אין צווייפעל

וואָס טוט איצט מיין ליעבסטע,
דאָס גליק פון מיין לעבען;
צו בענקט זי נאָך די קושען
וואָס כ׳האָב איהר געגעבען.

צו קלינגען איהר די ווערטער,
וואָס כ׳האָב צו איהר גערעדט?
צו פיהלט זי דען מיין ווייטאָג,
מיין האַרציגען געבעט?

צו בענקט זי דורך די נעכט,
צו חלום׳ט זי פון מיר?
צו בין איך איהר א לאַסט
און מאַך נאָך שווער פאַר איהר...

איהר וואונש

מיין געליבטער מוז זיין הייליג,
ריין פון אַלע זינד;
קיין זאַך פון מיר פאַרבאָרגען,
אומשולדיג ווי אַ קינד.

ער טאָר ניט דענקען פון א צווייטער,
נאָר איך מוז זיין זיין ציל —
ער זאָל אינגאנצען מיר געהערען,
אָט דאָס איז, וואָס איך וויל.

מיין ליעבסטע

ווי שעהן און ווי פריש
מיין ליעבסטעס אַ בליק;
מיין טרייסט איז איהר קוש;
איהר ליעבע — מיין גליק.

און זיס איז דער קלאַנג
פון איהר הארציגער שפּראַך,
און הימליש געזאַנג —
איהר שמייכעל, איהר לאַך.

און כאָטש אַמאָל שיידען
איך מוז זיך פון איהר,
דאָך לאָזט זי מיר פריידען —
איהר געשטאַלט איז מיט מיר.

פארלוירענע ליעבע

עס האָט מיך מיין געליעבטע
פאַר אַן אַנדערען פאַרביטען;
דאָך האָב איך באַלד ערפאַהרען,
אַז זי האָט דערפון געליטען.

מיט ווייטאָג אין מיין הארצען
בין איך צו איהר געפלויגען,
מיט מיינע ליפען אָפּגעווישט
די טרערען פון איהרע אויגען.

איהר געוויין האָט מיר דערציילט
פון איהרע גרויסע נויטען;
מיין האָפענונג האָב איך פארלאָרען —
זי געהערט שוין צו אַ צווייטען.

מיין גליק

איך וואַרט אויף גליק און בּיינק
זינט איך בּין געווען אַ קינד;
צייט לאַנג איך געדענק,
עס באַווייזט זיך און — פאַרשווינדט.

זוכט עס וואו אַן אַנדערען
אויף אַלע ווייטע ים׳ען;
ווי וואָלט איך וועלען וואַנדערען
מיט מיין גליק צוזאַמען.

געמישטע ליעדער

וואָס וויל די וועלט?

איז דיר גוט און דו לאַכסט —
פרעהט זיך יעדערער מיט דיר;
איז דיר שלעכט — אַנטלויפען אַלע,
קיינער עפענט ניט די טיר.

דו ווילסט אַ פריינט געפינען
און קוקסט דאַן ווייט און ברייט,
דאָך קיינעם קומט אויפ'ן זינען
צו לינדערן דיין נויט.

די וועלט וויל קיין טרויער ניט,
פרעהלאַך זיין, איז איהר פערלאַנג;
זי לויפט פון דעם, וואָס ליידט —
זי זוכט נאָר טענץ און געזאַנג.

אָפּגענאַרט

פון דער ווייטען לייכט עס זעהר,
אוּן עס דאכט זיך: ס׳איז אַ גליק;
פון דער נאָהענט — מאַסקירט, אַ שלייער,
אוּן עס יאָגט אַוועק צוריק.

לויפסטו מיט דיין גאַנצען כח
אוּן דו זוכסט ווי עפּעס רעכטס;
עס הויבט אָן באָמבלען אין דיין מח
אוּן דאָס האַרץ דיינס גיט אַ קרעכץ.

אוּן דיין קאָפּ — ער שאָקעלט צו:
אומזיסט ברודער דיין פאַרדראָס.
דערזעהסטו ווידער וואו ניט וואו
אוּן דו טרעפסט: אַלץ ניט דאָס.

טראַכסטו דאַן: אומזיסט געוואַרט!
אוּן עס דריקט דיר אַ געוויין:
פיהלסטו זיך ווי אָפּגענאַרט
אוּן בלייבסט זיך ווידער גאַנץ אַליין...

צווײ אַלטע לײט

טו אָן דײַן אַמאָליגע קלײדעל,
קום, געליבטע, נעהענטער צו מיר;
ביזט נאָך שעהן װי אַ יונגע מײדעל,
רוק זיך צו, איך בעט זיך בײ דיר.

לאָמיר דענקען: מיר זענען נאָך יונג,
אַזױ װי מיט יאָהרען צוריק;
אַ קער, אַ ריהר, אַ שפּרונג,
אָט דאָס װעט אונז ברענגען גליק.

קײן קלײנװאַרג בײ אונז, געטרײער,
פאַרהײראַט שױן אַלע פון לאַנג,
דײנע אױגען פינקלען נאָך פײער —
זינג מיר אַ ליבעס געזאַנג.

צעזינגט זיך די אַלטינקע מאַמע
און דערמאָנט זיך אַמאָליגע צײט;
ס׳איז אַלעס פאַרפלױגען, אַ חלום —
זײ זענען צװײ אַלטינקע לײט.

דער בייזער צופאַל

די ליבע האָט צונויפגעבראכט
צוויי פון זעהר ווייט;
די ליבע האָט ניט באַטראַכט
צי פּאַסען זיך די לייט.

האָבען זיי זיך איינגעליבט,
געליטען אָהן אַ שיעור;
די ליבע האָט זיי ניט געפרעגט,
צי איז ער גוט פאר איהר.

זיי האָבען עפּעס אָפגעטאָן,
וואָס זיי האָבען ניט באַטראַכט;
די ליבע האָט זיי אָפּגענאַרט,
געררייצט זיי טאָג און נאַכט.

געכאַפּט האָט ער אַ צווייטע זיך
און איז אַוועק מיט איהר.
ס'האָט דער מאַן פאַרלאָזט די פרוי
מיט קליינע קינדער פיער;

זי האָט אויך געהאט א מאן,
א גוטען, אַ בריליאנט;
איצט האָט זי שוין חרטה
און זי שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט.

די ליבע איז שוין אָפּגעקילט,
ס'האָט אויסגעברענט דאָס פייער;
איז איהר צוריק דער ערשטער מאַן
געוואָרען ליב און טייער.

זי וואָלט איהם גערן איבערבעטען,
נאָר ווער קען ריזיקירען —
אויב ער וועט זי פאַרשטויסען נאָר,
וועט זי איהר וועלט פארלירען.

אויף אַ חתונה

אין אַ ליכטיגען האַל
מען שפּילט און מען דרעהט זיך;
אַזאַ שעהנע חתונה —
יעדער איינער פרעהט זיך.

נאָר די כלה אליין
כאָטש שעהן ווי די וועלט,
איז זי נעבעך טרויעריג —
איהר טאַטע־מאַמע פעהלט.

אַ יתומה שוין לאַנג,
נאָר היינט איז איהר שווערער,
אין טאָג פון איהר שמחה
ערשט איצט פיהלט זי מעהרער.

צעוויינט זי זיך היסטעריש,
דעם עולם נעמט עס ריהרען,
די כלה מוזען פרעמדע
צו דער חופה פיהרען.

קלמן מרמר.

די גביר׳טע

„ברויט און וואַסער — און א פריינד!“ —
זיפצעט שטיל אַ גביר׳טע. —
דערהערענדיג איהר שטילען זיפץ,
ווער איך אַ געריהרטע.

„סטייטש“, — פרעג איך — „איהר רעדט עס נאָך?“ —
דאַן נעמט זי מיר ערקלערען:
„וואָס טויג דער גאָלדערנער בעכער מיר,
אַז ער איז פול מיט טרערען.

מיר האָבען שעהנע פּאַלאַצען,
באַוואונדערט פון גרויס ביז קליין,
דאָך פיהל איך, איך געה אונטער,
זייענדיג אין זיי אליין.

מיר האָבען שעהנע אויטאָמאָבילען,
נאָר ס'פאָהרען אַנדערע אין זיי אַרום;
און איך באַהאַלט מיין ווייטאָג
און בלייב צו אַלעם שטום.

דער טאָג ברענגט אַמאָל באַקאַנטע,
מען רעדט זיך דורך, מען לאַכט —
קומט ווי אַ וואָלקען דער אָוועגט,
און שרעקליך ווערט די נאַכט.

ליג איך אַליין אויף מיין געלעגער
און בענק נאָך אַ פריינט אַ געטרייען,
וואָס זאָל מיר היילען די וואונדען
און מיך פון מיין בענקשאַפט באַפרייען".

אַ חלום

מיר חלום'ט זיך אַ חלום
פון מיין קליינעם שטעטעל;
מיין מאַמע (עליה השלום)
זיצט דאָרט ביי מיין בעטעל.

דערציילט מיר די מעשה
פון חיים בער דעם טרום,
מיט אַ ציגעלע אַ ווייסע —
און גיט מיר נאָך אַ קוש.

ביי מיין בעט איז זי געזעסען,
מיין קעפעלע געטאַפּט;
איך האָב ניט געקענט פאַרגעסען
ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט.

אַ רפואה

איך בין אַמאָל געווען קראַנק,
פון דאָקטוירים אָפּגעזאָגט;
חלום׳ט זיך מיר, אַז מיין מאַמע
וויינט איבער מיר און קלאָגט.

זעהר שוואַך בין איך געווען,
איך קען עס ניט פאַרגעסען;
מיר האָט געדאַכט אין חלום,
אַז זי האָט מיר געגעבען עסען.

פון מיין מאַמעס מאכלים
איז מיר גלייך געוואָרען בעסער.
„די געפאַהר איז אַריבער" —
האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר.

אַז איך וועל געזונד ווערען,
האָט זיך קיינער ניט גערעכט;
פאַר מיין מאַמעס נשמה
האָב איך געצונדען ליכט.

מיין טאַטען׳ס קידוש

עס האָט זיך מיר געחלומ׳ט,
אַז איך בין נאָך גאַנץ קליין;
מיין טאַטע מאַכט דעם קידוש
און איך זאָג נאָך אָמן.

ער שניידט אָפּ די המוציא,
אַן אורח זיצט ביים טיש;
די מאַמע דערלאַנגט געריכטען,
מחיה׳דיג און פריש.

מיר בענשען דאַן מזומן —
עס קלינגט ווי גוטע מוזיק;
דאָך איז דאָס נאָר אַ חלום —
און קומט ניט מעהר צוריק.

אַלץ הייסט געלעבט

איינער ווערט גרויס ביי זיין לעבען,
א צווייטער — ווי גאָר ניט געוועזן;
א דריטען העלפט ניט זיין שטרעבען —
מען וועט איהם במילא פאַרזעהן.

א פערטער האָט ניט קיין הצלחה,
לעבט ער זיין לעבען אין צער;
א מענש אָהן מזל-ברכה
מאַכט מען צו שפּאָט און צום נאַר.

אין אַ נויט

עס ווילט זיך פון אַלעם
געניסען אויף דער וועלט ;
ערלויבט ניט דער דלות,
דאָס נויטיגסטע פעהלט.

ווילט זיך מיר אַ וואוינונג,
וואו מען קען אָטעמען פריי ;
וואו גראָזען און בלומען
זאָלען בליהען דערביי.

דאָך ליג איך אין אַ צימער,
די פענסטער פאַרשטעלט ;
קען ניט כאַפּען דעם אָטעם,
און ניט אָנזעהן די וועלט.

האָב אָפּטמאָל אפילו
אויך מאנגעל אין ברויט ;
איך לייד אין דער שטיל
און איך ווינש זיך דעם טויט.

מיין ביטערע לאַגע
פיהל איך נאָר אַליין ;
איך פרעג זיך אַ פראַגע
און ענטפער מיט געוויין.

מאַמע און קינד

אין אַ „דעי נוירסערי" קומט אַ פרוי געשווינד,
זי לאָזט דאָרטען איבער איהר איינציג קינד.
וואוהין געהט דאָס די אומגליקליכע מאַמע?
אָה, זי געהט „מאַכען אַ לעבען" מסתמא!

דאָס קינד וויינט און שרייט מיט סכנות,
צו הערען דאָס — נעמט אָן אַ רחמנות.
ערשט עס אַוועקגעריסען פון זיין רוהיגען נעסט;
עס נעמט אַ צייט, ביז דאָס קינד פאַרגעסט.

אָבער דער מאַמעס האַרץ טוט אימער וועה;
וואו נאָר זי געהט, הערט זי איהר קינדס געשריי;
דאָך מוז זי געהן אַרבייטען, נויט ברעכט אייזען,
זי מוז דאָך זיך און דאָס קינד איהרם שפּייזען.

נאָר אָט לויפט די מאַמע, דערהיצט, פאַרשווייסט,
ניט קיין געגעסענע — צוריק צו איהר טרייסט.
עס ליידט דאָס קינד, עס פּלאָגט זיך די מאַמע,
וואָס העלפט עס? — זיי מוזען מסתמא...

ווי מען שפּילט, אַזוי טאַנצט מען

איינער שפּילט אייך גוט זיין ראָליע,
וועט אייך אידעאַל אינגאַנצען;
ער באַשטימט אייך אייער דאַליע —
ווי ער שפּילט אייך, מוזט איהר טאַנצען.

גיסט ער אייך אין הארצען מוט,
וועקט אייך צו אַ נייעם שטרעבען,
פיהלט איהר זיך דאַן זיס און גוט —
האָט איהר הנאה פון לעבען.

נאָר טאָמער איז די זאַך פאַרקערט,
גיט איהר דאַן אַ קאַלטען ציטער;
איהר פיהלט, ס׳איז אייך קיין גוטס באַשערט,
און דאָס לעבען ווערט אייך ביטער.

אַ וויעג-ליעד

שלאָף, מיין קינד, געזונטערהייט,
עס איז שוין לאַנג די צייט;
צי פיהלט דיין יונגע הערצעלע,
ווי טיף דיין מוטער ליידט.

דיין טאַטע האָט אונז פאַרלאָזט,
שווער איז דאָס איבערצוטראָגען;
אַז דו, מיין קינד, וועסט עלטער ווערען —
וואָס וועל איך דיר זאָגען?

דער בעסטער תירוץ וועט זיין,
אַז דיין טאַטע איז געשטאָרבען;
כאָטש איהם לעבט זיך ערגעץ גוט,
און איך נאָר בין זיין קרבן.

שפעט מיין קינד, שוין צייט צו שלאָפען;
איי ליו ליו, מיין קינד;
זאָל דיך גאָט, מיין קינד, ניט שטראפען
פאר דיין טאַטענס זינד.

זיין שליחות

ווען איינעם איז שלעכט,
ווען איינער איז אנטטוישט —
דאַן קומט ער איהם צו־הילף,
און וויל איהם זיין אַ טרייסט.

ער איז דאן דער איינער,
וואָס קומט גאַר אומגעריכט;
אַוואו עס איז נאָר פינסטער,
דאָרט זוכט ער ברענגען ליכט.

ווייל דאָס איז אין לעבען
זיין גאַנצער פארלאַנג:
צו ראַטעווען מענשען
פון אונטערגאַנג.

פיהלען קען נאָר יענער,
וואָס האָט געליטען אליין;
נאָר ער קען שטילען
אַ צווייטענס געוויין.

די ליידענדע

איך ערוואַרט מיין מאַן צום עסן,
אַלעס ווערט קאַלט — און ער האָט פאַרגעסן.
איך זיץ און צעהל די שטונדען אויפ'ן זייגער,
נאָר ביי איהם געהט אַלץ אויפ'ן אַלטען שטייגער.

עס זענען אין ניו־יאָרק פאַראַנען
גענוג רעסטאָראַנען —
מיין עסען דאַרף ער אויף כּפּרות,
וואָס אַרט איהם, אַז די פרוי האָט צרות?

אַך ליעבע, טייערע פריינט,
איך מוז מיינע ווייטאָגען אויפדעקען היינט:
איך האָב אַ מאַן — און בין אַליין!
פאַרברענג מיינע יאָהרען אין קלאָג און געוויין.

און מיין מאַן וואו איז? ווער ווייס?
ער געפינט שוין פלעצער, ניו־יאָרק איז גרויס.
ליבע שוועסטער, זענט איהר אויך אַזוי עלענד ווי איך?
שמייכלען פאַר דער וועלט — און ווייגען אין זיך?

און פרעג איך מיין מאַן: „וואו ביזטו געווען?“
ענטפערט ער: „טראַבעל אין ביזנעס געשעהן.“
ער שטעלט אַן אַ טרויער ווי אַן אַקטיאָר —
און אַזוי וועלקט מיין לעבען אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר.

(ווען עס טרעפט, אַ פרוי אנטלויפט פון איהר מאַן,
וואַרפט מען אויף איהר די שולד;
ניט איך, מיינע פריינט, איך ווייס דאָך דאָן,
אַז מען קען ניט העלפען, עס פּלאַצט די געדולד).

צעהן יאָהר פאַרהייראַט, אין אַ מזל׳דיגער שעה,
ער איז ניט גוט, ניט שלעכט — ער איז קיינמאָל ניטאָ!
איך האָב צוויי קינדער, בריליאַנטענע, פיינע —
ער קוקט זיי ניט אָן, גלייך ווי ניט זיינע.

איך לייד אָבער אַלץ צוליעב מיינע קינדער,
צוליעב וואָס דען האָב איך צו לעבען?
אַז אַלעס אַרום איז אַזוי וויסט און פּוסט —
וואָס נוצט דאָ אַ האָפען, אַ שטרעבען?

אויפ׳ן פּאַפּיר רעד איך אוים מיין האַרץ,
איך פיהל, אַז דאָס איז מיר נויטיג,
ווייל אַלץ צו פאַרשווייגען איז אוממעגליך,
עס דריקט צו שטאַרק דער וועהטאָג.

אַ פרוי איז ניט פון אייזען,
איהר נשמה איז ניט פון שטיין;
וואָס טויג צו זיין פערהייראַט
און שטענדיג זיין אַליין...״

נעקראלאָג

(נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם אידישען שרייבער חיים מאליץ)

אין גן־עדן זאָל רוהען חיים מאליץ, עליו השלום,
איז ער געשטאָרבען? ניין, עס איז בלויז א חלום.
דער בוים איז געפאלען, אָבער ניט זיינע פירות,
זיי זענען פארבליבען אויף ווייטערע דורות.

אין גן־עדן זאָל רוהען דער הארציגער שרייבער,
ער פלעגט מאכען שלום צווישען מענער און ווייבער.
געלויכטען האָט דער ווינקעל, וואו ער פלעגט זיצען,
פון זיין פערלדיג מויל פלעגט הומאָר שפריצען.

מיר וועלען מעהר זיין זים קול ניט הערען;
פארלאָשען איז געוואָרען דער ליכטיגער שטערען.
אַז קיינער וועט איהם ניט פארגעסען, איז זיכער,
זיין חכמה איז פארבליבען אין זיינע ביכער.

די פארשעמטע

אָפט באַפאַלט מיך אַזאַ שווערקייט,
כ׳פאַרליר אינגאַנצען דאַן מיין מוט;
איך בענק נאָך אַמאָליגע יאהרען
פון יונגען און קאָכיגען בלוט.

פריילִיך, לוסטיג איז דער פריהלינג,
אַלעם לעבט אויף יונג און ניי;
אוועק שוין די בליהענדע יאהרען,
אַזוי ווי א חלום פאַרביי...

עס צעוואקסען זיך נייע בלומען,
פאר זיי איז געקומען די צייט,
אָבער די עלטערע מענשען —
אַך, זיי לאָזט מען שטעהן אין אַ זייט.

אָט האָב איך א בילד ערשט געזעהן;
עס האָט אַזש דאָס הארץ מיר פאַרקלעמט,
ווי מ׳האָט אַזאַ עלטערען מענשען
אַזוי אָהן רחמנות פאַרשעהמט...

דער דימענט

זעה איך אַ דימענט —
ער שיינט דאָרטען ווייט,
וויל איך איהם געפינען
שוין אַ לאַנגע צייט.

מיט מיה איך געפין איהם,
איך וויל איהם אויפהויבען;
איך וויל איהם פוצען,
איך וויל איהם אָפשטויבען.

איך האָב נאָך ניט אוספּייעט
איהם צו געבען אַ ריר —
דערהער איך אַ קול:
ער איז ניט פאַר דיר.

האָב איך זיך מיט שרעק
פון אָרט אָפּגערוקט;
אַ פּאָר שאַרפע אויגען
האָבען אויף מיר געקוקט.

און ס'האָט מיך פאַרדראָסען
ווען איך האָב איהם דערהערט:
„אַז דאָס איז אַ דימענט,
ווי קומט ער אויף ד'רערד?“

יונג און אַלט

אין א טריין, א פול געפּאַקטע,
גערזעסען זענען יונג און אַלט;
אַלע פענסטער צוגעהאַקטע,
די לופט איז דאָן געווען קאַלט.

עפּעס פּלוצים אויף אַ פענסטער
אַ יונגע מיידעל, זי איז צעוואַרעמט;
ווערט עס קאַלט דער אַלטער באבע —
נעמט זי שרייען און זי ליאַרעמט.

האָט דאָס מיידעל זיך פאַרשעמט
און דאָס פענסטער צוריק פאַרמאַכט;
מאַנכע האָט דאָס שטאַרק געקלעמט,
אַנדערע האָבען גאָר געלאַכט.

זאָגט דאָרט איינער צו דער אַלטער:
„איהר האָט דאָך אויך אמאָל ווארעם געפילט“—
דערמאנט זי זיך די יונגע יאָהרען
און זי ווערט שוין איינגעשטילט.

פרייד אין צווייען

אין אַ הייסען זומער טאָג,
די היץ האָט שטאַרק געברענט;
געהט אַ אינגעל וויינענדיג;
איך האָב איהם באלד דערקענט.

פרעג איך איהם: „וואָס וויינסטו?
וואָס איז מיט דיר געשעהן?"
ער: „מיין מאַמע ליגט אין שפיטאָל,
איך וואָלט זי וועלען זעהן."

האָב איך אַ גרויס רחמנות
אין הארץ ביי זיך דערפיהלט,
און האָב באַלד זיינע טרערען
מיט ווערטער איינגעשטילט.

געכאַפּט איהם פאַר'ן הענטעל,
און לויפענדיגערהייט,
געבראַכט איהם צו זיין מאַמען
און צווייען דאַן דערפרייט.

מ י י ן ג ע ב ע ט

ווען איך בין אַ קינד געווען,
האָב איך מיין מאַמען פארלאָרען,
געבענקט האָב איך נאָך מיין מאַמען
אַלע מיינע יונגע יאָהרען.

צעקריגט האָב איך זיך מיט אַ קינד,
אין מיין עלטער מסתמא;
פלעגט זי מיך שרעקען:
זי לויפט דערציילען איהר מאַמע.

האָט דאָס מיך באריהרט
ביז וויינען און קלאָגען;
איך האָב מיין ווייטאָג ניט געהאַט
פאַר וועמען צו זאָגען.

דערפאַר בעט איך גאָט ביי דיר
פון טיפען האַרצען אַצינדער:
ניט שטראָף מיך, גאָט, און ריים מיך ניט
אַוועק פון מיינע קינדער.

שרעק

דאָס גאַנצע לעבען איז אַ שרעק,
מען ציטערט פאַר געפאַהר;
אַזוי לויפען די יאָהרען אַוועק
אין ליידען און אין צער.

איינער שרעקט זיך פאַר'ן טויט,
אַ צווייטער — פאַר'ן דלות;
אַ דריטער שרעקט זיך גלאַט פאַר נויט,
מען לעבט אין שרעק פאַר אַלעם.

אויף אַ באַנקעט

געווען בין איך צו אַ באַנקעט,
דער זאַל איז געווען געפּאַקט;
דער עולם האָט געגעסן, געטרונקען —
אָבער ווער האָט געקאָכט און געבאַקט?

געזעסן אַ פרוי איז פאַרמאַטערט,
געווען איז זי נעבעך האַלב־טויט;
אַט דאָס איז געווען די קעכין —
ווי שווער זי פאַרדינט זיך איהר ברויט!

ביים אויוועז, דעם ווינקעל דעם ענגען;
וואו שטענדיג אַ היץ דאָרטען ברענט;
באַטראַכטענדיג אָט אַ דעם קרבן,
האָב איך שוין ניט עסען געקענט.

דאָך אַנדערע לעקען די פינגער,
וויל קאָכען, דאָס קאַן זי שוין גוט;
אָך, ווען מען זאָל שניידען איהר דאָלאר,
וואָלט זיכער געגאָסען זיך בלוט.

די געסט האָבען זיך ניט געקימערט
פאַר איהר אין דער לוסטיגער נאַכט;
איך האָב זי אין הארצען באַדויערט,
ווען אַלע האָבען פרעהליך פאַרבראַכט.

איהר חרטה

חנה, אַ ווייבעל פול מיט חן,
איז געוואָרען אַ מיטגליד אין פאַראיין.
קיין מיאוס׳ע, מיט געטאַקטע גלידער,
האָט זי געקראָגען אַ סך „גוטע ברידער״.

וואַרפט מען אויף איהר אויגען פון יעדער זייט,
אָבער חנה איז פאַרהייראַט שוין אַ לאַנגע צייט.
האָט איינמאָל איינער זי אַהיימגעפיהרט
און אָט וואָס עס האָט דאַן פּאַסירט:

ער האָט זי געלאַסטשעט און זיס גערעדט,
האָט זי יענעם אָוועגט פאַרבראַכט זעהר שפּעט.
כאָטש טיף אין האַרצען האָט איהר געפּלאָגט,
האָט זי איהם דאָך ניט אָפּגעזאָגט.

אין הויז איז זי אַריין מיט שטילע טריט.
באַשלאָסען ביי זיך: מעהר קיינמאָל ניט!
זי האָט מיט געוויין זיך געלעגט צו בעט,
געפיהלט ווי צו שרייען הויך „על חטא״.

קלמן מרמר ...

מען בעט אויף זיך די עלטער.

זינט איך בין אַ קינד געווען,
האָב איך קיינמאָל, מיר דאַכט,
נאָך ניט געזעהן די העלע שיין,
נאָר בלויז די טונקעלע נאַכט.

געשטופּט האָב איך די יוגענד,
געוואָלט אַלץ ווערען גרעסער,
ווייל טיף אין הארצען אַלץ געהאָפּט
האָב איך, אַז ס׳וועט ווערען בעסער.

איצט בין איך שוין פאַרהייראַט,
די צייט האַלט אין איין פליהען;
שטופּ איך יעדען טאָג אַוועק
מיינע קינדער צו ערציהען.

ווען זיי וועלען ווערען גרויס,
וועט אפשר זיין גרינגער;
אַזוי בעט מען אויף זיך די עלטער
כאָטש מען ווערט ניט יינגער.

אַלטע פריינט

איך האָב געאַרבייט אַ צייט אין אַ פאַבריק,
האָבען די באָסעם „געפעהלט" — געווים ניט קיין גליק!
האָב איך מיר אנדערשוואו אַרבייט געפונען,
אָבער צו יענעם פלאַץ איז דאָס ניט געקומען.

פאַרלאָז איך דאָס פלאַץ מיט גרויסען פאַרדראָס,
איך זוך אַ נייעם — און געפין מיין אַלטען באָס;
ווי גרוים איז געווען מיין פרייד יענעם מאָמענט,
ווען כ'האָב מיינע אַלטע פריינט דאָרטען דערקענט.

האָב איך זיי ערקלערט, ווי כ'האָב נאָך זיי געבענקט,
ווי זיי צו באַגעגענען איך האָב גאָר ניט געדענקט.
אַזוי ריידען מיר און האַלטען זיך אין איין פרייען,
דערווייל מאַכט דער באָס מיר אַ פלאַץ צום נייען...

צעריסענע בלעטער

איך האָב געשריבען
פאַרשיידענע זאַכען;
פיעלע פון טרויער,
און אַ סך צום לאַכען.

יעדע זאַך איז געווען
אַ שטיק פון מיין לעבען.
איך האָב זיך פאַרלאָזען
און עם איינעם געגעבען.

אַז ער זאָל מיך פאַרשטעהן
און עם איבערקוקען,
און וואָס עם געפעלט איהם,
זאָל ער פאר מיר דרוקען.

ער האָט מיר אלעם פאַרשפּראָכען,
נאָר כ׳האָב אומזיסט געוואַרט;
מיין בוך איז ביי איהם געוואָרען צעריסען
און איך — אנטוישט און גענאַרט.

אַ פאַנטאַזיע

אַ שטראַל איז דורכגעפלויגען
און זי האָט ערוואַכט;
זי עפענט די מידע אויגען:
ווער האָט דיך געבראַכט?

ווילסטו מיר העלפען
ביי איצטיגער צייט?
אָדער ווילסטו אַנטלויפען
זיך אָפּרוקען ווייט?

צו ביזטו אַ מלאך
אין מענשען-געשטאַלט?
דו קומסט אימער הויבען
אָט דעם, וואָס פאַלט.

צו ביזטו אַזעלכער,
וואָס איז נאָך ניט געוועזן,
וואָס נאָר אין פאַנטאַזיע
קאָן מען דיך זעהן?...

דער זיפּץ

קומט אַ זיפּץ אַרויס גאַנץ שטיל,
מען קען איהם קוים דערהערען;
וועקט ער הערצער מיט געפיהל,
ריהרט גאַנץ אָפט ביז טרערען.

אָט דער זיפּץ מיינט גאָר אַ סך,
ער קומט פון טיפסטען הארצען;
יעדער זיפצט זיך אין זיין פאַך,
געדריקט פון אייגענע שמערצען.

אָט דער זיפּץ איז גאָר קיין רעכטס,
ער וויל פון אַלץ דערציילען —
און נאָר טאַקע מיט אַ קרעכץ
קאָן מען איהם פאַרהיילען.

איהר גליק

איהר גייסט האָט געהונגערט,
זי איז ווי אין חלום געווען,
ביז זי האָט דערוואַכט —
זי האָט איהם דערזעהן.

„וואָס טוט זיך מיט מיר?“ —
האָט זי באלד געטראַכט —
„איז דאָס אַ מלאך,
וואָס גאָט האָט געבראַכט?“

ניין, דאָס איז ניט קיין מלאך
און אויך ניט קיין חכם —
אַ פראָסטער חי וקים
און זיין נאָמען איז נחום.

זיין פשוט'ע שטילקייט
האָט איהר האַרץ געפאַנגען;
זיי זענען געוואָרען איינס,
צוזאַמען געגאַנגען.

זי האָט איהם פאַרטרויט
וואָס דריקט איהר אין האַרצען,
און דורך איהם זיך באפרייט
פון גייסטיגע שמאַרצען.

אין געיעג

מען לעבט, מען לויפט אַלץ אין דער גיך,
ניטאָ קיין צייט אויף אַ האָר.
איינער פאַר יענעם, אַ צווייטער פאַר זיך,
אַזוי לויפט אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר.

און אַז עס קומט די ריכטיגע צייט —
ווי אין חלום פיהלסטו זיך דאַן;
מען זאָגט: ברודערל, דו ביזט באַפרייט!
דאָס לעבען איז ניט מעהר ווי שפּאַן.

לאַכסטו דאַן פון זיך אַליין:
צו וואָס געזאָרגט פאַר'ן מאָרגען?
אַז מען רופט, מוז מען דאָך געהן —
אַ צווייטער וועט אויף דיין אָרט זאָרגען.

זייט ניט מקנא

זייט ניט מקנא די פריילין
וועלכע איז שעהן געקליידט;
ווייל אפשר ביי איהר אין האַרצען
איז עלענד, בענקשאַפט און לייד.

איהר זעהט אַן אַקטיאָר אויף דער ביהנע,
דעם עולם ווי פרעהליך ער מאַכט —
אין הויז אָבער האָט ער פיל צרות,
ניט פאַר קיינעם געדאַכט.

איהר הערט אַ רעדנער ריידען —
ער רעדט זיינע ווערטער מיט חן;
זיין פרוי אָבער זייט ניט מקנא,
זי איז נעבעך תמיד אַליין.

דער פרעדיגער פרעדיגט אין שוהל,
איהר ווערט פון זיין מוסר גערירהרט,
עס קען אָבער קיינער ניט וויסען,
וויפיעל אַנדערע ער האָט פאַרפיהרט...

דאָס לעבען איז קורץ

דאָס לעבען איז קורץ,
דאָס דאַרף יעדער וויסען;
מען מוז, אַז מען לעבט נאָך,
פון אַלעם געניסען.

פאַרגינט זיך פון אַלעם
און טוט וואָס איז רעכט;
צו העלפען אַ צווייטען
איז אויך גאָרניט שלעכט.

איהר זאָלט קיין זאַך ניט קאַרגען,
אייער געזונט פאַרהיט;
קיין געלט אין קבר
נעמט קיינער ניט מיט.

אַליין

ציהט מען דאָס שטריקעל צופיעל,
װערט עס גיך צעריסען;
װען מאַן און װייב קריגען זיך,
דאַרף קיינער זיך ניט מישען.

האָט איינער אָנגעקלאָגט
זיין װייבעל אויף אַ גט,
װייל אַ גוטער פריינט
האָט שלעכטס אָנגערעדט;

געװען איז די זאַך פשוט:
ער האָט זי ליעב געקריגען,
דערפאַר האָט ער פאַר זיין פריינט
אויף איהר געזאָגט אַ ליגען.

האָט איינער אַ גוטע שטילע היים,
דאַרף ער זיך ניט שעמען
און קיין „גוטען ברודער"
צו זיך אין הויז ניט נעמען.

שלעכטע צייטען

ווייבער זיינען גרויסע בריות,
אַז זיי האָבען נאָר מיט וואָס;
קומען שלעכטע צייטען —
פאַרדרעהען זיי די נאָז.

פאַרשטערען זיך דאָס לעבען,
פאַרליערען גלייך דעם מוט;
טשעפּען זיך צום מאַן דאַן,
צאַפּען איהם דאָס בלוט.

אַז ס'געהט ניט גוט אין ביזנעס,
איז זיכער ניט זיין שולד,
דאַרף זי איהם נאָך טרייסטען
און ווייזען איהם געדולד.

הויבט דער מאַן אָן פיהלען
ווער זיין פריינד איז דאַן,
איז ער גרייט צו אַלעם
און ווערט דער בעסטער מאַן.

ווען זי וואַרט

אין צייט ווען זי וואַרט,
צי טראַכסטו פון איהר,
אָדער איז זי גענאַרט —
דיך אַרט ניט פאַר איהר?

זי קען ניט פאַרגעסען,
דו ליגסט איהר אין זינען,
אָבער דו, איהר געליבטער,
געהסט אַ צווייטע געפינען

דיינע ליפען קושען
אַ צווייטע אַזוי צאַרט —
די אָרימע אָבער
זי זיצט דאָרט און וואַרט.

דו נעם זיך אַ ראיה,
ווי וואָלסטו געפיהלט,
ווען ס'וואָלט דיין געטרייע
מיט דיין האַרץ זיך געשפּילט?!

שלום בית

א פרוי מוז זיין נעט געקליידט
און דאָס הויז האַלטען ריין,
וועט זי פאַרשעמט ניט ווערען,
ווען איינער קומט צו געהן!

ווען איהר מאַן קומט אַהיים,
דאַן דאַרף זי ניט פאַרגעסען:
ניט דערציילען די לעצטע פּאַטשטען
נאָר באַלד איהם געבען עסען.

א פרוי דאַרף אימער היטען
דעם שלום בית מיט שכל;
קיינמאָל ניט פאַרזויערט,
נאָר אימער מיט אַ שמייכעל.

ווען אַ מענש האָט מוט אַ סך,
איז איהם גרינג אַרבייט שווערע.
געבענשט איז נאָר דאָס הויז
מיט פרעהליכער אַטמאָספערע.

ניט געזאָרגט

דו מוזט תמיד פריילך זיין,
טראַכט ניט פון קיין טרויער;
אין האַרץ אַ ווייטאָג, אויפ׳ן פנים—שמייכעל,
און שטאַרק זיי ווי א מויער.

דאַן וועסטו געפינען פריינט
אויף יעדען שריט און טריט;
וואָס לוינט זיך ווייזען זאָרגען —
קיינער העלפט במילא ניט.

טאָ זיי פריילך, געה אַ טאַנץ,
און צייג אַרוים דיין מוט.
זאָלען אַלע דיך מקנא זיין,
כאָטש מיינען, דיר איז גוט!

כאָטש ביי דיר איז גרויסע צרות,
אויפ׳ן האַרץ א שווערער שטיין,
דאָך וועט ניט העלפען דיר קיין זאָרגען
ניין — ניין — ניין...

פריינדשאַפט

װען איהר האָט אַ פריינד,
באַזוכט איהם ניט צופיעל;
זיצט ביי איהם ניט לאַנג,
אַנטלויפט אויך אין דער שטיל.

ליגען ביי יענעם כסדר —
ברענגט ניט קיין סוף קיין גוטען;
פון דעם בעסטען חבר
קען װערען אוים מחותן.

אין אייער אייגען װינקעל
װעט געזונט אייך בלייבען;
איהר זענט קיינעם ניט איבעריג,
מען קען אייך ניט טרייבען.

איהר זאָלט די גוטע עצה
געדענקען און פאַרשטעהן:
אַז װאו מען האָט אייך האָלט,
זאָלט איהר ערשט אָפט ניט געהן.

הומאָר און וויץ לידער

חוה׳ס ירושה

הערט מיך אויס, ליעבע פריינט,
א חשבון וועל איך מאַכען:
די גאַנצע ארבעט פון א פרוי
איז טאַקע נאָר צום לאַכען.

אַט, למשל, גרייט זי צו
פון אַלעם גוטס צו עסען;
געהט אַוועק א צוויי-דריי שעה,
איז ווייטער ווי פאַרגעסען.

ווידער קאָכען, ווידער עסען —
שקראַבע רק דאָס טעפעל;
אַלץ דורך חוה׳ן, ווייל זי האָט
געביסען פונ׳ם עפעל.

נאָר דורך איהר ליידען מיר,
דאָס פיהלט יעדע איינע;
איהר אַפּעטיט איז פאַרבליבען אונז
זינט אבות אבותינו...

צוגאַסט

מיין ליבע טאַנטע באַשע,
אייער בריעף האָב איך באַקומען;
איהר ווילט אונז באַלד באַזוכען —
איז מיר זעהר אָנגענומען.

טו שרייבט-זשע טאַקע ווען,
צי נעמט איהר מיט מאַריאַשען;
וועל איך מיין הויז אויסקערען,
מיין פּנים ריין אָפּוואַשען.

אַ מיטאָג וועל איך מאַכען
אַ ריכטיגען, אַ „סוועלען“
פון די בעסטע „האָט-דאָגס“ —
עס וועט אייך גאָר געפעלען.

עס טרעפט, אַז גוטע עסענס
פאַרשאָטען אויך אַמאָל;
נו, טאָמער אייך פּאַסירט עס —
די שטאָט האָט אַ שפּיטאָל...

דער קאַרגער

אַ קאַרגען האַסט די גאַנצע וועלט,
זיין גאַנצער ציעל איז נאָר דאָס געלט.
ער געהט אַרום באָרוועס, נאַקעט,
פילט אָן אַ פעטען פּאַקעט.

ער וועט קיינעם אַ סענט ניט געבען,
וואָס ווייסט אַ קאַרגער פון אַ לעבען?
פון אַלעמען איז ער פון ווייטען,
ווייל זיין געלט וויל ער ניט בייטען.

אויף אַ קאַרגען תמיד פאַרדריסט
ווען ער זוכט צו עסען אומזיסט;
אויף יענעמס הוצאה וועט ער פאָרען,
ווייל ער וויל זיין געלט פאַרשפּאָרען.

סוף כל סוף וועט איהם פאַרדריסען,
דער טייוועל וועט זיין געלט געניסען.
ער לעבט נאָר אויף אַ פרעמדער וועלט,
עס וואַרט דער טייוועל אויף זיין געלט.

קלמן מרמר, ניו יארק

אַלץ דאָסזעלבע

די וועלט איז אַלץ דיזעלבע,
נאָר עטוואָס מעהר ערפאַהרען;
דיזעלביגע חכמים —
און אויך דיזעלבע נאַרען.

דיזעלבע מאָדעס, וואָס אַמאָל,
נאָר תמיד איבערגעמאַכט;
דערזעלבער ליכטיגער טאָג,
דיזעלבע פינסטערע נאַכט.

דאָך רוקט מען אַלץ דעם זייגער,
ער טאָר ניט בלייבען שטעהן;
דער עולם שטענדיג איילט זיך
און — נאַרט נאָר זיך אַליין.

אַ געשלעג אין גאַס.

עס קריגען זיך צוויי פרויען,
זיי שילטען זיך ביז גאַר;
איינע כאפט די צווייטע
און רייסט איהר ביי די האָר.

דער קריג איז איבער קינדער
(אַזוי האָט מען געזאָגט)
איינע שיט מיט קללות,
די צווייטע וויינט און קלאָגט.

אין געסעל ווערט עס פרעהליך,
די קולות הערט מען ווייט;
עס קומען אָן די מענער,
ווערט שטאַרקער נאָך דער שטרייט.

אומזיסט איז די מחלוקת,
אומזיסט דאָס בייזע בלוט;
די עלטערן בלייבען ברוגז,
די קינדער ווערען גוט.

אַ דזשענטעלמאַן

פאָהרענדיג אַהיים פון דער אַרבייט,
אין די רעכטע זומער היצען,
בין איך „געהאַנגען“ אויף אַ „סטראַפּ“,
אין טריין איז ניט געווען וואו צו זיצען.

געווען בין איך אויסגעמאַטערט
און געשטאַנען אין דרייען געבויגען;
די מענער האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסען,
האָבען זיי אַלע — פאַרמאַכט די אויגען.

ענדליך האָט זיך איינער אויפגעהויבען,
באַפרייט מיך פון מיין לאַנגען שטעהן;
איך בין איהם געווען זעהר דאַנקבאַר,
וואָס ער האָט — פאַרלאָזען די טריין...

קורצע האָר

די פרויען־רעכט
איז גאָר ניט שלעכט,
וואָס נאָר אויסגעטראַכט,
ווערט גלייך געמאַכט.
די פרויען, ווי די מענער,
שערען זיך די האָר
און ווערען טאַקע שעהנער...

דער קאָפּ איז ביי זיי גרינגער,
זיי ווערען אויך פיעל אינגער.
עס איז די נייע מאָדע
ווירקליך אַ וויגאָדע;
מען צעשטערט די האָר אין שטיקלעך —
די באַרבערס ווערען גליקליך...

אין קאונטרי

„העלאו, וואָס מאַכט איהר?
שוין לאַנג ניט געזעהן!"
גאָר פשוט, איך בין דאָך
אין קאונטרי געווען.

האָב איך דאָרט געלעבט
אמת גוטע טעג,
געהוליעט כסדר
נאָך מעהר ווי מען מעג.

דאָרט האָט מען ניט קיין זאָרגען,
אלעס ווערט פאַרגעסען;
מען קלערט ניט פאַר'ן מאָרגען,
מען האַלט רק אין איין פרעסען.

אין קאונטרי איז אַ לעבען,
מען איז דאָרט פראַנק און פריי;
מען טוט וואָס עס גלוסט זיך,
מען פיהלט קיין שולד דערביי.

אַ ווייבעל, אַ מיידעל —
קיין אונטערשייד מאַכט;
אַבי נאָר אַ קליידעל,
אַבי נאָר פאַרבראַכט.

ביעור „פסח“

זיץ איך מיר ביים סדר,
איז מיר אמת פרעהליך;
קוועל איך פון מיין מלכה,
טאַקע ווי אַ מלך.

עס איך אָפּ די קניידלעך,
האַלט דעם כוס מיט וויין —
זאָג איך „ברוך הבא“,
קומט — די ציג אַריין.

שפּרינגט זי אויפ׳ן טיש גאָר,
צעברעכט מיר אַלע כוסות;
שלינגט זי שטיקער מצה
און בייסט צו מיט חרוסת.

אַז די ציג געוועזן איז
אַ פרומינקע — דאָס ווייס איך,
נאָר אנשטאָט דעם חמץ
האָט זי געראַמט דעם פסח...

אַ תּרוּץ

אַ וואוילער איד ר׳ פּרץ,
האָט ליעב צו לעבען גוט;
האָט אימער זיך אַ תּירוץ
אויף אַלעס, וואָס ער טוט.

אַ פרוי ווען ער דערזעהט,
גלייך ווערט ער אַ מחותּן;
אַט דער קוש און דער אַ גלעט,
מיט דער — אַ שפּאַס אַ גוטען.

צו זיין ווייב מיט ליגען,
קומט אַלע מאָל ר׳ פּרץ,
און קוועלט מיט פאַרגעניגען
פון זיין גוטען תּירוץ.

דער שומר

איך בין אַ בחור, אַן אַנטיק,
מיט אַלע זיבען זאַכען;
דאָך האָב איך ליידער ניט קיין גליק,
איהר זאָלט פון מיר ניט לאַכען.

ווען נאָר אַ מיידעל איך דערזעה,
דאַן הויבט מיך אָן צו ציהען;
וויל איך זי אַרומנעהמען —
אַ שומר קומט צו פליהען.

פאַר יעדער שעהנער מיידעלע,
האָב איך אַ קוש אַ זיסען,
נאָר אַז דער שומר לאָזט עס ניט —
הויבט עס אָן פאַרדריסען.

פון מיינע צרות, ליבער גאָט,
אוי, זאָלסטו מיך באהיטען;
בענש מיט אַ שעהנע מיידעל מיך
נאָר שיק ניט צו קיין דריטען.

דער קרוב

קריג איך אַ בריף פֿון ליטע,
פֿיר און צוואַנציג זייטען;
פֿרייט מיך וואָס מיין קרוב
געדענקט מיך אַזש פֿון ווייטען.

איך לייען די מגילה,
עס נעמט מיך אָן אַ שרעק;
און וויפֿיעל איך פֿאַרדין,
שיק איך גלייך אַוועק...

אַ שווערע לאַגע

ווען טאַטע מאַמע זאָרגען,
איז דאָס ניט קיין געלעכטער;
בפרט נאָך ווען זיי האָבען
דערוואַקסענע צוויי טעכטער.

באַווייזט זיך ווען אַ חתן,
ווערט דער מאַמעס הארץ אַ גרינגערע;
רעדט מען איהם די עלטערע —
וויל ער גראָד די אינגערע.

עס פיהלען אַלע שלעכט,
די הערצער ביי זיי קלעמען;
מען וויל די עלטסטע טאָכטער
זיכער ניט פאַרשעמען.

זיי בעטען ביי דער יונגער:
„וואַרט, מיין קינד, גערולדיג;"
אַז די ערשטע האָט קיין חתן —
איז די צווייטע שולדיג.

די לאַגע איז אַ שווערע,
און ביטער איז דער „לעסאָן";
אַז דורך דער עטיקעטע
ווערן צוויי פאַרזעסען.

גאָט פאַרלאָזט ניט

אַ גוט הערצעל איז פאַראַן
בײַ מײַן פרײַנדין מערען;
וואָס נאָר עס פּאַסירט —
גיסט זי גלײַך מיט טרערען.

איהר טעמפּער באשטעהט
אויף אַ קלײנער ווײַלע,
אַט לאַכט זי, אַט וויינט זי,
אַט דאָס איז איהר מעלה.

הויב איך אָן זי טרייסטען
און נעם זיך איהר ערקלערען —
נו, הערט זי מיך גוט אויס
און — גיסט שוין נײַע טרערען.

אַזוי האַלט זי כסדר
אין שטערען זיך די רוה;
זי זוכט נאָר צרות פרעמדע —
און גאָט — ער שיקט איהר צו...

אַן ערּאינּערונג

דייוויד פּיהלט זיך אומעטיג,
זיין פרוי איז אין קאונטרי געפאָהרען;
זיצענדיג איצט אַליין אין הויז,
דערמאנט ער זיך אַמאָליגע יאָהרען.

פאַר זיינע אויגען קומט אַ בילד
נאָך פון דרייסיג יאָהר צוריק,
ער איז געווען אַ בחור, ניינצעהן יאָהר,
האָט איהם פּאַסירט אַ גליק:

אַ סאָד פלעגט ער היטען דאַן,
אין אַ ביידעל פלעגט ער שלאָפען;
לייענענדיג קריאת שמע אמאָל,
האָט מיט איהם אָט וואָס געטראָפען:

זייענדיג צווישען די גרינע בוימער,
פארברענגענדיג אַלס אַ וועכטער,
האָט זיך גראד אין איהם פאַרליבט
איינע פון דער גרעפינס טעכטער.

האַט ער דערפון ניט געוואוסט
און קיינמאָל דערפון ניט געטראַכט,
ביז וואַנען זי איז צו איהם געקומען
כמעט נאָך האַלבע נאַכט.

ער איז געוואָרען איבערראַשט,
ניט געגלויבט וואָס ער זעהט;
ווי קומט די שעהנע פּאַנענקע
אין זייןביידעל אַזוי שפּעט?

געוואַלט האָט ער שרייען: שמע ישראל!
דאָס איז אַ שד — האָט ער געטראַכט;
און די יונגע גרעפינע
האָט פון איהם שטיפעריש געלאַכט.

איצט זיצט ער אַליין מיט זיין „פייף"
און ווינשט זיך אַזאַ גליק
ווי דאָס, וואָס האָט איהם געטראָפען
מיט דרייסיג יאָהר צוריק.

די פאַרליבטע

אין אַ הויז, וואו מען האָט פאַרבראַכט,
גענוען איז דאָרטען אַ „פּאַרטי",
איז געזעסען איינע פאַרטראַכט,
געבענקט נאָך איינעם אודאי.

וועלכער איהר הארץ האָט געפאַנגען,
אין איהר גייסט זיך איינגעפּרעסען;
וואו נאָר זי איז געגאַנגען —
האָט זי אָן איהם ניט פאַרגעסען.

פיעל אַנדערע ליבענדע מענער
פלעגען אויף די קני פאַר איהר שטעהן;
פאַר איהר איז קיינער געווען ווי יענער —
אָהן איהם איז זי עלענד און אַליין.

פּלוצים איז ער פון איהר פאַרשוואונדען,
געלאָזען אויף איהר נשמה אַ פלעק;
אין האַרצען פיעל בלוטיגע וואונדען —
מיט אַ צווייטער איז ער דאַן אוועק...

אַ יונגער קרבן

ליבע מאַכט דעם מענשען בלינד,
אַן אַלטער ווערט ווי אַ קליין קינד;
רייצען איהם יונגע געפיהלען,
וויל ער זיך אָנהויבען שפּילען.

פאַרווילט זיך גאָר דעם אַלטען עקשן
רייסען אַ בלום, וואָס האַלט אין וואַקסען;
ווען די בלום איז אָפּגעריסען,
פאַנגט עס איהם אָן פאַרדריסען.

ער קנייטשט זיין שטערן און שלייף,
און זוכט אַ בלום, וואָס איז שוין רייף;
נאָר דאָס יונגע שעהנע בלימעל
ווערט פאַרוויאַנעט מיט אַ שימעל.

פאַלט זי דאַן אַ יונגער קרבן,
די יונגע בלעטער אָפּגעשטאָרבען;
עס באַגרייפט דער אַלטער נאַר —
ער צאָהלט אַ שווערען פּרייז דערפאַר.

קלמן מרמר, ניו יאָרק

וואו ביזטו אַהינגעקומען?

האָסטו מיך שוין פאַרגעסען?
דו ווילסט פון מיר ניט הערען;
וואו איז די הייליגע ליבע,
וואָס דו פלעגסט תמיד שווערען?

וואו זענען די זיסע רייד,
וואָס דו פלעגסט צו מיר ריידען?
וואו זענען די טרוימען,
וואָס פלעגסט חלומ׳ען פאַר אונז ביידען?

וואו זענען די הייסע קושען,
וואָס פלעגען האַרציג קלינגען?
וואו איז דיין זיסע שטימע,
וואָס פלעגט אַזוי זים זינגען?

וואו זענען דיינע ליפעלעך,
וואָס פלעגען זיך ליבע בעטען?
וואו — דיינע הענטעלעך,
וואָס פלעגען צערטליך גלעטען?

וואו איז דיין שעהן פּנים'ל

וואָס פלעגט לויכטען, גלאַנצען?

וואו — דיינע שעהנע פיסעלעך,

וואָס פלעגען וואונדער טאַנצען?

וואו ביזטו אַהינגעקומען

מיט דיינע פאַרלאַנגען?

ביזטו ערגעץ אומגעקומען,

צי ביי אַ צווייטער געפאַנגען?!

איך באַדויער

ביינאַכט איך געה מיר שלאָפען,
אוּן ליג שוין אויף מיין בעט;
איך ווער נאָר איינגעדרימעלט —
דערהער איך אַ שטימע רעדט.

מיט רייד, ווי זיסען האָניג,
דאָס הארץ מיינס ווערט געגלעט;
אַזוי האָט מיר געדאַכט זיך,
יענע נאכט אויף מיין בעט.

איך הער אַ ליד דאָן זינגען
פון ליבע שטיל און זאַכט;
עס קומט מיר פאָר: מיין ליבער
האָט בלומען מיר געבראַכט.

עס שמעקען מיר די בלומען
מיט דופטיגען פּאַרפיום;
עס קומט מיר פּאָר מיין ליבער
נעמט מיך האַרציג אַרום.

ער קושט מיך ליב און צערטליך,
ווי ליב ער גלעט מיינע האָר —
איך כאַפּ זיך אויף און באַדויער,
וואָס ס'איז געווען אַ חלום נאָר...

אויף געיעג

אין דער נאַכט זיך יאָגענדיג
וויל ער זי אַלץ פאַנגען;
אין זיין האַרצען טראָגענדיג
שטורמישע פאַרלאַנגען.

עס געהט איהם אוים דאָס חיות
צו כאַפּען איהרם אַ בליק;
און זי גאָר פול מיט צניעות, —
זי האַלט זיך גאָר צוריק.

נאָר ער, דאָס הארץ זיינס קלאַפּענדיג,
פאַרלויפט איהר פלינק דעם וועג,
און, קוים זיין אָטעם כאַפּענדיג,
גיט ער זי אַ פרעג:

„זאָג מיר מיין שעהן מיידעלע —
איין פראַגע מוז איך וואַגען —
ווי קענסטו, אַזאַ איידעלע
מיך גרויזאַם אַזוי פּלאַגען?...“

איך פרעג ניט קיין שאלות

איך ליעב מיר אַ מיידעל און פרעג ניט קיין שאלות,
אבי נאָר מיר זי געפעלט;
איהר ווייזט מיר חסרונות — איך זעה נאָר מעלות;
פאַר מיר איז זי איינס אין דער וועלט.

כאָטש אין פארמעגען איז זי נעבעך אָרעם
און עלענד, אַז ס'כאפּט אזש אַ שרעק;
דאָך קוש איך זי האַרציג און האַלט זי אין אָרעם
און לאָז זי פון זיך ניט אַוועק.

איך ווער איהר באַשיצער, דערוועק אין איהר פרייד,
צום לעבען איך גיב איהר צו מוט;
מיט ווערטער געטרייע פאַרטרייב איך איהר לייד —
דאַן פיהלט זי זיך מונטער און גוט.

ערשט דאַן ווערען אַלע מיט איהר מחותנים
און שמייכלען ווען זי שענקט זיי אַ בליק;
עס ווערען פאַרוואַנדעלט אין פריינט אַלע שונאים
און אלע איהר ווינשען נאָר גליק.

מיינע ליבעס

איך האָב מיין מאַן זעהר ליב,
דאָך שטערט ניט מיינע געפיהלען
צו האָבען אין דער זייט נאָך צוויי
געליבטע זיך צו שפּילען.

ווען נאָר איך פאַרברענג מיט זיי,
פאַרגעס איך מיינע זאָרגען;
אויך פון מיין געטרייען מאַן
קען איך דאָס ניט פאַרבאָרגען.

ווייל ער איז צו מיר זעהר גוט,
נאָר אין ביזנעס שטאַרק פאַרנומען;
דאַרום קען ער מיר ניט פאַרווערען,
אַז מיינע געליבטע זאָלען קומען.

זיי אַליין גראד שטימען ניט,
קענען זיך אָפט ניט פאַרטראָגען;
עס האָט שוין אפילו פּאַסירט,
אַז זיי האָבען זיך צעשלאָגען.

נאָר איך האָב זיך אריינגעמישט,
געמאַכט צווישען זיי שלום;
איך דערמאן זיך אָפּט אין דעם
ווי אין אַ זיסען חלום.

און פון זייער ליבליכקייט
וואָלט פיעל געוועזן צו שרייבען;
פאַר מיר וואָלט זיכער שווער געוועזן
א טאָג אָהן זיי צו בלייבען.

גיב איך זיי פון אַלעם גוטס,
פיהר זיי אויף מיין „מאַשין";
ווי קען איך דען אַנדערש זיין
צו מיינע צוויי געליבטע זיהן...

מיין „געליבטע“

פֿאַר דיר, מיין ליבע,
קיין זאַך פֿאַרבאָרגען;
סיי פֿאַרגעניגען,
סיי גרויסע זאָרגען.

ווילאַנג נאָר מיין האַרץ
וועט קלאַפּן אין מיר,
וועט זי קיין סודות
ניט טראָגען פֿאַר דיר.

אַלס קינד אין חדר
האָב איך דיך דערקענט;
און מיין האַרץ האָט דאַן
שוין פֿון ליבע געברענט.

איך האָב דיך געאַכט
זינט איך האָב דיך געזעהן;
אָט דיך, מיין געליבטע,
מיין — פֿאונטען פּען.

מיינע צוויי משרתים

כ׳האָב משרתים צוויי, געטרייע,
וואָס קיין בעסערס גיט עס ניט;
קיינמאָל קען איך זיך ערלויבען
אָהן זיי צו טאָן אַ טריט.

זיי זענען ביי מיר טייער,
פונקט ווי דאָס לעבען;
איך וואָלט פאַר מיליאָנען
איינס ניט אָפּגעגעבען.

זאָל זיך מיר פאַרוועלען
דעם טעלער פון הימעל קויפען,
זענען זיי פאַר מיר גרייט
אינמיטען נאַכט צו לויפען.

עס טרעפט, איך בין פרעהליך,
מיין מוט איז דאַן אינגאַנצען —
דערפיהלען זיי מיין שמחה
און הויבען אָן צו טאַנצען.

דאָך פלאָגט מיך ווען איך עס,
וואָס זיי וואַלגערן זיך אונטער'ן טיש;
אָבער דאָרט איז זייער אָרט,
מיינע משרתים — די צוויי פיס.

מיין וועכטער

איך האָב אַ געטרייען היטער,
אײנער אין דער וועלט;
זינט ער פאַרנעמט זיין שטעלע,
האָט מיר נאָך קיין זאַך ניט געפעלט.

כאָטש זיין האַרץ איז פון אייזען,
זיין נשמה — ווי שטיין,
דאָך ווער איך פון איהם באַוואַכט,
ווען איך געפין זיך אַליין.

זינט איך האָב איהם אַריינגענומען,
פיהל איך זיך מעשה באַלעבאָס;
קיין שלעכטער קאָן מיין שוועל ניט באַטרעטען
דורך מיין טייערען היטער — דעם שלאָס.

דער בעל סוד

ער האָט אַ גרויסע העזה
מיט זיינע פאַרלאַנגען,
עס בייטען זיך די שטימען
דורך זיינע קלאַנגען.

אַלע ווײַלע סודות
ראָמט ער מיר איין אין אויער;
טראַכט איך דאָן ביי זיך:
ער איז אַ קאָפּ־פאַרדרייער.

האַלט מיך אין איין רופען,
מוז איך איהם לויפען הערען;
כאָטש אַז ער מיינט ניט מיך,
מוז ער אָפּט ערקלערען.

אַזוי ווער איך פאַרמאַטערט,
וואָס הויבט מען אָן צו טאָן;
עס קלינגט אין הויז כסדר
ביי מיר דער — טעלעפאָן.

איך צווישען זיי

צוויי געטרייע שקלאַפֿען
דינען מיר גאַנץ פֿיין;
פֿון נאַטור געשאַפֿען,
נאָר מיט מיר צו זיין.

וואו זיי זענען ביידע,
בין איך אַלץ אינמיטען;
דערפֿאַר מוז איך כסדר
באַשיצען זיי און היטען.

איך פֿיהל צו זיי אַ דאַנק
פֿאַר טוען יעדע זאַך;
טרעפֿט, אַז איך ווער קראַנק,
ווערען זיי אויך שוואַך.

דאַן פֿאַלען מיר צוזאַמען
און ליגען אָנגעלעהנט;
פּונקט ווי פֿון איין מאַמען
איך און — מיינע הענט.

קלמן מרמר, ניו יארק

די אומשולדיגע

דו אומשולדיגע, דו בלאַסע,
צי ביזטו בלייך פון שרעקען?
ביזט ריין ווי „מאַריאַסע“
דאָך קאָן דיך יעדער באַפלעקען.

נאָר איך וויל דיך באַשיינען,
דיין ווערט פאַרשטעהע איך אינגאַנצען;
דו קענסט אַמאָל מאַכען וויינען
און אַמאָל צו לאַכען און טאַנצען.

יעדער רעדט אוים פאַר דיר זיין האַרץ,
דו ווייסט סודות פיעל;
דיין ווייסקייט ווערט פיעל מאָל שוואַרץ,
און דו שווייגסט אין דער שטיל.

און דו ביזט מאַכטלאָז, קענסט גאָרניט טאָן,
אַלע באַנוצען זיך מיט דיר;
קיינער נעמט זיך דיין קריוודע ניט אָן,
דו שוואַכע און בלאַסע—פאַפּיר.

דער געשטראָפטער

האָסט קיין הענט ניט און קיין פיס,
ס'איז דיין מוח נעבעך פוסט;
אַ פרעמדער אָטעם איז פאַרבאָרגען
אין דיין שטילער, ווייכער ברוסט.

ביזט צום שפילען זיך באַשאַפען,
סיי אין שטאָדט און סיי אין דאָרף;
יעדער האָט פון דיר פאַרגעניגען —
נאָר דיר באַצאָהלט מען — מיט אַ וואָרף.

שטיל, געלאַסען טראָגסטו איבער
דיינע ליידען אָהן אַ צאָהל;
ס'קען קיין דאָקטאָר זיי ניט היילען,
ווייל דו ביזט אַ — גומי-באָל.

מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ

שטעהסט מיט אַ פּוס אין דער הויך;
דיין קאָפּ — געבויגען צו דר׳ערד;
דו ראַמסט, אַז ס׳גערט אַ רויך,
מסתמא איז דיר אַזוי באַשערט.

דיינע האָר פאַרגליווערט האַרט;
ניטאָ קיין זיידענער גלאַנץ;
געזעהן דיך ווי דו האָסט געוואַרט
מען זאָל געהן מיט דיר אַ טאַנץ.

דאַן האָסטו אין צימער געדרעהט זיך
גאַנץ שטיל און אָהן געוואַלטען!
נאָכ׳ן טאַנץ האָט יענער געפרעהט זיך
און דיך אין אַ ווינקעל באַהאַלטען.

איצט ריהרסטו מיך אמת ביז טרערען,
ווען דו שטעהסט אין דיין ווינקעל שטום;
נאָר זיכער ווערסט נאָך פאַר איהם קערען
דו פאַרשעהמטע, באַליידיגטע—ברום...

גרויער קאָפּ

גרויער קאָפּ, שוואַרץ געזיכט,
דיין לייב איז דין און צאַרט ;
ביזט די קוואַל פון אונזער ליכט,
כאָטש ביזט קליין און האַרט.

און מיינסטו גאַר אַ דאַנק צו קריגען —
זיי בעסער ניט גענאַרט,
שטענדיג לאָזט מען דיך גאַר ליגען
אין תפיסה איינגעשפּאַרט.

פון העלער הויט גאָר אָהן רעש
דערלאַנגט מען דיר אַ קוועטש ;
און ס׳ווערט פון דיר הוילע אַש,
ווייל — דו ביזט אַ „מעטש“...

דער „מערדער“

אָה, דאָס איז ער!
איך האָב איהם דערקענט!
אַליין האָב איך געזעהן,
ער האָט איהם פאַרברענט.

עס קען פון איהם קיינער
ניט זיין מעהר פאַרדאָרבען;
ער פיינינגט שוין ווידער
אַן אַנדערען קרבן.

און ווייזט נאָך אַרוים
פאַרגעניגען דערביי;
עס זעהט פּאָליציי —
און דאָך איז ער פריי!

אָט דאָס אלעס צו זעהן
איז פשוט אַ צער;
ס׳פארשווינדט מיט׳ן רויך
ביי איהם יעדער ציגאַר...

אַ „הספּד“

איך מוז נאָך איהם אַ הספּד מאַכען,
מיך אַרט ניט אויב איהר וועט פון מיר לאַכען;
איך פיהל ווי ער פעהלט, איך האָב איהם פאַרלוירען,
אין אַ שעהנעם טאָג האָב איך איהם אָנגעוואוירען.

איך האָב דאָך איהם אימער געטריי געהיט,
קיינמאָל ניט געגאַנגען אָהן איהם אַ טריט;
איהם שטענדיג געצערטעלט און געוואַשען,
אימער אָפּגעהיט, ווי עס זאָל פּאַר איהם פּאַסען.

צו גיך איז ער פון מיר געוואָרען אָפּגעשניטען!
גאָטעניו, אויף וועמען האָב איך איהם פאַרביטען?
האָב זיך געהאָדעוועט מיט איהם, אַלע יאָהרען פאַרבראַכט,
קיינמאָל ניט געשלאָפען אָהן איהם אַ נאַכט.

אַלע יאָהרען פון איהם נחת געקליבען,
און איצט בין איך אָהן איהם פאַרבליבען;
און ווען איך לעג אויפ'ן קישען מיין קאָפּ,
פיהל איך ווי ער פעהלט מיר, מיין לאַנגער צאָפּ..

מ ײ ן   פ ר ײ נ ד

מײן טײערער ליבער פרײַנד
איז נעבעך אױסגעגאַנגען הײַנט;
איך האָב נאָך געהאָפּט איהם ברענגען צו זיך
און איך האָב איהם געטראָגען צום „דאָקטאָר" גיך.

ער האָט איהם בעטראַכט, קײן װאָרט געזאָגט;
זײן פּנים האָט געװיזען: שױן צו שפּעט!
דאָס האָט מיר גערירט ביז געװײן:
ער איז דאָך געװען די אומשולד אַלײן.

ער איז געװען אַזױ געטרײ און געניט,
פּינקטליך האָט ער זײן אַרבײט געהיט;
אָהן איהם זיך באַגעהן האָב איך ניט געקאָנט,
ער האָט שטענדיג מיך אָן עפּעס דערמאָנט.

זיין האַרץ פלעגט קלאַפּן פאַר יעדן געטריי!
ער האָט פון זיך ניט געטראַכט דערביי;
כ׳בין קראַנק געווען אַמאָל אום שבועות,
האָט ער מיך דערמאָנט צו נעמען די רפואות.

היינט איז ביי מיר אַ טרויעריגע שעה —
זכרונו לברכה — ער איז שוין ניטאָ.
אַזוי האָבן זיך מיינע צרות אָנגעפאַנגען,
זינט מיין ליבער זייגער איז אויסגעגאַנגען...

דער אמת זאָגער

ביזטו אַן אַקטיאָר?
דאָס מוז איך דיך פרעגען;
קרימסט יעדערען נאָך,
ווער עס קומט דיר אַנטקעגען.

איז איינער אַ שעהנער,
ווערט ער פון דיר באַרווישט;
חלילה אַ מיאוסער —
ווערט ער נעבעך אנטווישט.

דיך אַרט ניט קיין לאַכען
אָדער יענעמס געוויין;
דיין האַרץ איז ווי אייזען,
דיין נשמה ווי שטיין.

דיין גוף איז פאַרגליווערט,
האַרט ווי אַ ציגעל;
צייגסט מעלות, חסרונות,
ווייל דו ביזט — אַ שפּיגעל.

די באַקליידטע

ווען איך טו אוים איהרע קליידער,
מאַכט זי מיך צום וויינען;
נאָר האַלטען זי באקליידט כסדר
וואָלט זיך מיר ניט לוינען.

און די זאַכען וואָס זי האָט,
זענען אין צווייערליי קאָלירען;
יעדעם קלייד איז אָהן אַ נאָט
און ניט פון אָרט צו ריהרען.

נו, האָב איך זי אַמאָל געפּאַקט,
געבראַכט צו זיך אין שטיבעלע,
זי צעשניטען און צעהאַקט,
אָט די האַרבע—ציבעלע.

מיינע שכנים

איך האָב גאָר נאָנטע שכנים,
זיי האַלטען אויף מיין לעבען;
איך דאַנק דעם ליבען גאָט,
וואָס ער האָט מיר זיי געגעבען.

זיי וואוינען אַלץ ביי מיר —
זינט מיינע יונגע צייטען;
נאָר אָפּגעווען אַ משך —
פלעגען זיי זיך בייטען.

פלעג איך אַ שכן פאַרלירען,
האָט מיר געטאָן וויי!
איך פלעג דערביי אָפט שרייען
מיט אַ ווילד געשריי...

היינט בין איך שוין עלטער
אונ וויל מיט זיי שטאָלצירען;
איך האלט זיי אַלע טייער
אונ וויל זיי ניט פאַרלירען.

קוים ציהען זיי אַרוים,
איז דער ווייטאָג ניט קיין קליינער;
מיינע דירות בלייבען ליידיג —
עס בלייבט מיין מויל אָהן ציינער.

מײַן צװילינג

איך האָב א שטומען צװילינג,
נאָר ס'הויבט ניט אָן מיך אַרען;
זײ רײדען אױפ'ן װאונק נאָר —
דאָך קען מען זײ ניט נאַרען.

און טרעפט, איך מוז חלילה
אַ שלעכטע בשורה הערען;
דאַן װערען בײדע טרױעריג
און גיסען הײסע טרערען.

זײ טוען מײַן שליחות
שנעל, װי פײַל פון בױגען;
װי ליעב איז מיר און טײַער
מײַן צװילינג — מײַנע אױגען!

געפאַנגענע

ווי האָבען מענשען ניט קיין מורא?
קיין בושה פאַר דער וועלט?
האַנדלען פריי מיט לעבעדיגע סחורה,
אַבי — צו מאַכען געלט.

אין די בעסטע יונגע צייטען,
האָט מען זיי געכאַפּט;
פון האַנט צו האַנט ביים בייטען,
האָט מען זיי געטאַפּט.

איך בין אַהין געגאַנגען,
האָט מיר מיין הארץ פאַרקלעמט,
צו זעהן ווי זיי זיינען געפאַנגען —
און איך בין אַוועק פאַרשעהמט.

נעבעך, אומשולדיגע קרבנות,
איינע פון די אַנדערע שענער,
ווי האָט מען גאָר קיין רחמנות
אויף אַזוי פיעל — הינער און הענער?!

אַ גאָט׳ס רחמנות

אויף איהר איז אַ גאָטס רחמנות,
זי קוקט אַראָפּ מיט פאַרדרוס;
פון אַלעמען ווערט זי פאַרגעסען,
ניטאָ ווער ס׳זאָל איהר שיינקען אַ קוס.

אַמאָל איז זי געווען אַזוי טייער,
מען האָט מיט איהר שטאָלצירט;
עס האָט אַ יעדער איד
מיט איהר זיין הויז באַצירט.

היינט איז זי נעבעך פאַרשעהמט
און קוקט אוים ווי מבוזה;
ווייל קיינער קוקט זיך ניט אום
אויף דער אָרימער—מזוזה.

SALMON MARMOR
NEW YORK